# לעצטער נומער פון אַכטן יאָרגאַנג


בית יעקב לכו ונלכה באור ה'

# בית יעקב

ליטעראַרישער [illegible]-זשורנאַל

אשה יראת ה' היא תתהלל

יאָרגאַנג 8

אָרגאַן פאַר די אינטערעסן פון די בית-יעקב-שולן
און אָרגאַניזאַציעס בנות-אגודת-ישראל אין פּוילן
רעדאַקטאָר: א. ג. פרידנזאָן

נומער 74

ב"ה, לאָדזש-קראָקע-וואַרשע, אלול תרצ"א


## ערב דעם נײַנטן יאָרגאַנג

**מיטן** היינטיקן נומער 74 ווערט אָפּגעשלאָסן דאָס אַכטע יאָרגאַנג פון אונדזער זשורנאַל „בית יעקב". פאַר דעם לעצטן יאָר איז אַרויסגעגאַנגען 17 נומערן. לויט די צאָל זייטן איז דאָס מאַטעריאַל געווען היינטיקס יאָר כמעט טאָפּלט ווי אין יאָר תר"ץ. דאָס יאָר תרצ"א, וואָס איז געווען אַ שווער קריטיש יאָר און אַ תקופה פון עקאָנאָמישער דחקות אומעטום, איז גראָד אונדזער אַרבעט אין דעם יאָר געווען אַ ט א פּ ל ט ע און פאַרשטייט זיך פון אַליין, אַז דער ביטערער קריזיס האָט אונדז גענוג באַשווערט די אַרבעט און בפרט בעת די לעצטע חדשים, איז אונדז אָנגעקומען דאָס אַרויסגעבן יעדן נומער כמעט מיט פאַרצווייפלטער אָנשטרענגונג...

**מיטן** דרך הטבע, ווען מיר זאָלן מאַכן חשבונות צי דער „בית יעקב" קען ווײַטער אַרויסגיין און האָבן אַ קיום, איז באמת יעדע אויסרעכענונג פאַרמשפּט אויף אַ דורכפאַל. דער טיראַזש איז במשך די לעצטע פּאָר חדשים געפאַלן ביז אַ העלפט. אַ גרויסער טייל פון אונדזערע פריינט האָבן אונדז פאַרלאָזט, אונדזערע בריוו און הילף-רופן זענען געבליבן אָן ענטפער, דער עולם בכלל איז טעמפּ. אויף אַלץ איז דאָ איין תירוץ: קריזיס, און הגם מיר ווייסן זיכער אַז די פּאָר גראָשן פאַרן זשורנאַל האָבן בשום אופן נישט געדאַרפט זיין די ערשטע אָפּשפּאָרונג און דערמיט פאַרלייכטערט זיך נאָך קיינער נישט זיין הוצאה-בודזשעט, דאָך איז אַ טרויעריקער פאַקט. אַז גראָד בית-יעקב-זשורנאַל ווערט פון אַ סך באַטראַכט אַלס „מותרות" און אין שלעכטע צייטן זאָגט מען זיך דאָך אָפּ פון „לוקסוס". אַ שטיקל סיבה צום אָפּגעשוואַכטן פאַרקויף און פאַרשפּרייטן דעם זשורנאַל אין די לעצטע חדשים, זענען אפשר אויך די פעריעס, בעת מען פאַרלאָזט יעדע געזעלשאַפטלעכע זאַך אויף הפקר...

**מיר** קוקן אָבער תמיד אָפּטימיסטיש אויפן עתיד, ווי טונקל-שוואַרץ ער זאָל זיך אונדז נישט אויסדאַכטן. באַזונדערס אַצינד, ווען השי"ת האָט אונדז געהאָלפן צו דערפירן דאָס זשורנאַל ביזן סוף פון זיין אַכטן יאָרגאַנג. אַז מיר האָבן געקענט איבער-האַלטן אַלע נסיונות וואָס זענען פאַרבונדן געווען מיטן שטיין אויף אַזאַ שווערער און פאַראַנטוואָרטלעכער פּאָזיציע אַכט יאָר צייט, גייען מיר מיט באַנייטן און דערפרישטן חשק און מוט אַ קעגן דאָס נייע יאָר. מיר גלייבן פון איין זייט פעסט אין דער סיעתא דשמיא, וואָס מיר האָבן באַשיינפּערלעך געזען טאָג-טעגלעך אין אונדזער עבודת הקודש און מיר לייגן אויך גרויס האָפע-נונג, אַז אונדזערע פריינט אומעטום, וועלן באַנייען זייער אידעאַליסטישער צוגעבונדנקייט צו דער איינציקער טריבונע פונעם אויפ-געלעבטן יינגן יידישן פרויען-דור.

## גידענקט! צום נייען יאָר זאָל אייער חוב זיין אינגאַנצן אָפּגעצאָלט!

**אין** דעם אלול-נומער פון פריערדיקן יאָר האָבן מיר צוגעזאָגט וועגן תקונים אין זשורנאַל אויפן יאָר תרצ"א און אַדרבא, מישט דורך די נומערן פונעם גאַנצן יאָר און זעט ווי מיט אַן-עודף מיר האָבן דאָס מקיים געווען. מיט וויפל עשירותדיקן תוכן ס-איז אָנגעפולט דער קאָמפּלעט פון דעם יאָר. אַזאַ קאָמפּלעט וועט תמיד זיין דאָס באַלערנדע, אינטערעסאַנטע, באַליבטסטע און פרײדיקע לייען-בוך פון דער אָרטאָדאָקסישער געזעלשאַפט און יעדער יידישער משפחה.

**אויפן** יאָר תרצ"ב, האָבן מיר שוין געמאַכט די געהעריקע הכנות, אַז בית-יעקב-זשורנאַל זאָל גאָר גאָר אינטערעסאַנטער, לעבעדיקער ווערן און נאָך אַ סך מיין זיין באַלערנדער און אָנציענדער צום לייענען פאַר יינג און אַלט, מענער און פרויען. אַ חוץ צו ווערן ערשט אויף גאָר אַן-אמת דאָס האַנט-בוך פאַר אונדזערע שולן און יוגנט-רייזן.

**מיר** האָבן זיך פאַרבינדן מיט די בעסטע ליטעראַרישע כוחות אין דער אָרטאָדאָקסישער וועלט און זיי וועלן פאַרעפנטלעכן אין ב"י זשורנאַל במשך דעם יאָר תרצ"ב זייערע בעסטע אַרבעטן, וואָס אַ טייל זייער כתב-ידן געפינט זיך שוין ביי אונדז.

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem
ŁÓDŹ, Sierpień 1931
**BAJS JAKOW**
**Cena 80 gr.**
P.K.O. 67.795
Rok VIII z...
Adres Red...
Łódź, ...
Telefo...

## לשנה-טובה-וואונטשן אין בית-יעקב-זשורנאַל

אייערע עלטערן, קרובים, באַקאַנטע, פריינט,
לערערנס, פירערנס און חברות
צום נייעם יאָר דורכן בית-יעקב-זשורנאַל!
אנשטאט קאַרטן

## לשנה-טובה-וואונטש אין בית-יעקב-זשורנאַל!

פאר אַנאָנסן ביז 20 ווערטער פאַרביליקן מיר דעם פרייז נאר
אויף 2 גילדן! פאר יעדן ווייטערן ווארט צו 15 גראשן.
געלט-שיקן: P. K. O. 67.795
מיט די אַנאָנסן מוז גלייך מיטגישיקט ווערן דער באַטרעף.
אין קעגנפאַל בלייבן די אַנאָנסן נישט גידרוקט!
**דעם טעקסט שרייבט באַלד אויפן טשעק!**
דער נייער נומער וועט אומיטום זיין אי"ה אויף ראש-השנה!

### מזל-טוב!

אַ האַרציקן מזל-טוב וואונטשן מיר אונדזער חשובער אַקטיווער פאַרוו. מיטגלי-דערן רחל לאה שטייער (בעלכאַ-טאוו) צו איר חתונה מיט ה' ווירער-ניק פיעטרקאוו. אַ גליקלעכן עתיד זאָלסטו זוכה זיין צו בויען אויף די בערג פון ציון און ירושלים.

בעלכאַטאוו — יוגנט-קרייז ביי בנות אג"י, לערערן מארטנפעלד

### מזל-טוב

פיל גליק און צופרידנהייט וואונטשן מיר די זייער ח' לערערן דינה קנאַבלעוויטש (לאדזש) צו איר פאַר-לאָבונג מיט ה' ראַבינאָוויטש (לאדזש). איר זאָלט זוכה זיין צו בויען אייער עתיד אין גייסט פון אונדזער אידעאַל אין הייליקן לאַנד.

בעלכאַטאוו — בנות אַגודת ישראל

פון טיפן האַרצן וואונטשן מיר מזל-טוב פרל. דבורה גוטפריינט צו איר חתונה, אסתר מאשקאָוויטש און ח' שרה גלאַטשטיין צו זייער פאַר-לאָבונג (קאַליש). איר זאָלט זוכה זיין צו שפינען ווייטער דעם גילדינים פאָדים פון דעם גייסט פון תורה ומסורה.

סקערניעוויץ — ב"י לערערן

גישוויסטער ( צירל קערשטער (חאַראָש) / לאה חאַראָש (קאַליש) )

---

אַ הערצלעכן מזל - טוב וואונטשן מיר אונדזער אַקטיווע חברה טאַבאַ ווראַצ-לאַווסקא, צו איר פאַרלאָבונג מיט ה' שלום דוד האפטקע אויס לאדזש. אייער צוקונפט זאָל זיין גיבענטשט מיט די רייכסטע ברכות פון ג-טלעכן אוצר.

דאַברא — לערערן שרה בעם, בנות-אגודת-ישראל
בנות-חברה פריידל ק...שעק, ניישטאָט

אַ האַרציקן ברכה-פולן מזל-טוב וואונטש איך מיין ל. חברה ח. לעווין צו איר חתונה מיט ה' לייב טיגער (שיד-לאָווצע). זאָל דער אלמעכטיקער אייער עתיד באַגליקן מיט אַ שטענדיקער צו-פרידנהייט.

וויערזבניק — ברכה קאַרנוואַסער

אונדזער ל. חברה ליבא נאָוואָ-מיאַסט מיט ה' בראַן וואונטשן מיר פיל גליק צו זייער חתונה. זאָל ג-טלעך גליק האַרמאַניש אייער נייעם לעבנס-וועג באַשטראַלן.

זד.-וואָלא — לאה יאַקובאָוויטש, רבקה נאָוואָמיאַסט, בלומא נוסבוים

אַ הערצלעכן מזל-טוב וואונטש איך מיין ליבסטע פריינדן ח' רייזל קראוט צו איר פאַרלאָבונג מיט ה' שלמה טיבער (לובין). זאָל אייער צוקונפט גיבענטשט זיין פון השי"ת, און אייער מזל זאָל שיינען כשמש בצהרים.

קוטנע — ליבא מעטאַל

---

אַ ברכה-פול מזל-טוב וואונטשן מיר אונדזערע חברות פערעלא באַבאַד (טאַרנאָפּאָל) צו איר חתונה מיט הרב נפתלי הירץ לאַנדא (בורשטין) און פרל. ח' טירקל (טאַרנאָפּאָל) צו איר פאַרלאָבונג מיט ה' הערש לייטער (פּרעמישלאַ) יזרח מזלם כשמש בצהרים.

טאַרנאָפּאָל — לערערן י. דאַכנער, בנות-אַגודת-ישראל, לערערן שרה אייכנבוים, קראַשניק

אַ האַרציקן מזל-טוב וואונטשן מיר אונדזער אידעען-שוועסטער פרל. צירל בינענפעלד (פראשניץ), צו איר פאַרלאָבונג מיט ה' נפתלי אַלטער (וואַר-שע). זאָל אייער צוקונפט זיין גיבענטשט מיט גליק און צופרידנהייט, ובברכת כפולה עד כי יבא שילה.

ליפנא — פאַמיליע בינענפעלד, גישוויסטער גורפינקעל

מיין חבר און פריינט צבי ניסן זילבערמאַן — מיינע בעסטע גליקוואונטשן צו זיין תנאים שרייבן.

טשיזשעוו — ישעי' יאַבלאָנקע

מיין פריינט הערשל זילבערמאַן צו זיין תנאים שרייבן — די בעסטע גליק וואונטשן.

טשיזשעוו — בער יאַבלאָנקע

אַ הערצלעכן מזל-טוב וואונטש איך מיינע חברות ליבא שימאַן (ניישטאָט) מיט ה' טייטלבוים (וואַרשע) צו זייער פאַרלאָבונג און בתי' נאַשעלסקא מיט ה' הערשקאָוויטש (וואַרשע) צו זייער חתונה.

ניישטאָט — ב"י לערערן יהודית קאַמינער

אַ הערצלעכן מזל-טוב וואונטשן מיר צו דער פאַרלאָבונג פון פרל. ראָטשילד (וויערבושניק) מיט ה' מענדלזאָן (וואַרשע) זאָל אייער צוקונפט גיבויט ווערן אויף די בערג פון יהודה וירושלים.

גריצע — שוועסטערן יהודית און רייזל קאַמינער

אַ האַרציקן מז"ט וואונטש איך די זייער ג. פאַמיליע קראוס (קוטנע) צו דער פאַרלאָבונג פון זייער ליבער טאָכטער חיטשע מיט ה' שלמה טייכער (לובין). גליק און צופרידנהייט זאָל אייך תמיד באַגלייטן.

בזשעזשין — ב"י לערערן טובא יערוזאַלעם

אַ האַרציקן מז"ט וואונטשן מיר אונדזער ל. קוזינע פרל. אסתר מאשקאָוויטש (קאַליש) צו איר פאַרלאָבונג מיט ה' שאַצטל (קאָזשעניעץ). אייער צוקונפט זאָל גיבויט ווערן אויף יסודות פון אונדזער הייליקן אידעאַל.

בלאַשקי — מינשע בוכמאַן און שוועסטערן סרו בע...

דאַנקזאַגונג: מיר דאַנקן די חשובע ב"י לערערנס: פרל. שרה אייכנבוים פון קראַשניק און צ. זינגער פון יאַנאָוו, פאַר זייערע אינטענסיווע רעפעראַטן אין אונדזער שטאָט א' קרח ה.י.

זאַקליקאָוו — בית-יעקב-קאָמיטעט

אַ האַרציקן מז"ט וואונטשן מיר אונדזער ל. ברודער ארי' צעדערבוים צו דער פאַרלאָבונג מיט פרל. העניע מאשע אונגער (וויעלון), זאָל דער אלמעכטיקער אייער צוקונפט באַ-גליקן מיט שטענדיקער צופרידנהייט.

פּאַביאַניץ — שוועסטערן חי' און אלטע צעדערבוים

אונדזער מיטגיפיל פון צער דרוקן מיר אויס די חברות פון אונד-זער ארגאַניזאַציע שוועסטערן ח' און שפרינצא סאַקאַ-לאָוו ווי אויך די חברה גיטל סאָקאָלאָוו צום פּריצייטיקן טויט פון זייער פאָטער און איר ברודער ר' וואָלף ע"ה. אין דער אַרבעט פאַר אונדזער הייליקן אידעאַל זאָלט איר אייער טרייסט גיפונען.

באַדזאַנאָוו — בנות אגו"י, גיטל בידערמאַן, פריידע גאָלדרייך

---

די רעדאַקציע איז אָפן יעדן טאָג פון 11—4 נאָכמיטאָג — נישט באַשטעלטע מאַנוסקריפּטן ווערן נישט צוריק געשיקט — ביים פאַרלאַנגן ענטפער מוז זיין בייגעלייגט 1 פאָסט-מאַרקע — אַנאָנסן, וואָס ווערן נישט באַצאָלט פריער אויס ווערן נישט גידרוקט און ס-ווערט נישט אָפּגיענטפערט אויף אַזעלכע פּרעטענציעס. באַריכטן פון די שטעט וואו ס-איז נישטאָ שטענדיקע 10 אַבאָנענטן ווערן נישט גידרוקט

געזעצט ביי מ. ליבעס, נד, לאָדז קילינסקעגאָ 50

Red. i Wyd. Luzer Gerszon Frydenzon

Druk J. Diament, Łódź Kilinskiego 50. Tel 188-76